גוט **שבת אלע אידן**. די וואך גיין מיר ענדיגען דעם מורא'דיגען מעשה וואס הרה"ח ר' משה האלצלער ז"ל האט דערציילט וועגן א איד וואס האט זיך נעבעך געשמד'ט און ווי דער איד האט ב"ה זוכה געווען צו טון תשובה...

דר. שטיין האט זיך געשמד'ט אין די מלחמה יארן, און נאך די מלחמה איז ער געווארן ליידער א "פרומער" קאטולישער גוי, ר"ל. א פאר יאר נאכעם קריג, איז דר. שטיין געפארן קיין רומה, איטליה צו די גרעסטע קאטולישע פלאץ, די וואטיקאן, וואו דער פופ'ס ימ"ש וואוינט. אפילו דר. שטיין האט זיך דעמאלט שטארק געהאלטן פאר א גוי, האט ער געשפירט אן אומרוהיגקייט ווען ער איז אריינגעגאנגען אין די גרויסע קירכען. ביי דעם הייב–פונקט פונעם באזוך אין די וואטיקאן, איז די גרופע אריינגעגאנגען אין איינע פון די גרעסטע קירכען אין די וועלט. דר. שטיין האט דערזען א ריזיגע געטשקע פון מרמורשטיין אין די פארם פון א מענטש מיט פליגלען. דר. שטיין האט באמערקט אז די ריזיגע געטשקע האלט עפעס אין זיינע הענט, און דר. שטיין האט שטארק געוואלט זען וואס עס איז. דר. שטיין האט געזען אז די געטשקע האט געהאלטן די לוחות, און עס איז געשטאנען עפעס אויפ'ן לוחות אין גאלדענע אותיות. דר. שטיין האט געבארגט בינאקאולערס פון איינעם פון די טוריסטען און ער האט אנגעהויבן ליינען די ווערטער אויפ'ן לוחות. ער איז ערשטוינט געווארן צו זען אז עס איז געשטאנען אידישע אותיות אויפ'ן לוחות. דר. שטיין האט כמעט אינגאנצען פארגעסן די ביסל לשון קודש וואס ער האט געלערנט אלס יונגעל. ער האט אנגעהויבן צו ליינען: "**אנֹכי ה' אלקיך**" דר. שטיין האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט געליינט, די עשרת הדברות! ער איז שנעל ארויסגעגאנגען פונעם קירכע צו כאפען זיין אוטעם.

ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן, האט ער אנגעהויבן טראכטן וואס האט יעצט פאסירט. "זיי שטעלן אוועק זייערע גאנצע רעליגיע אויף אידישקייט!?! זיי האלטן זיך אזוי גרויס. וואס פאר א חוצפה איז עס! ווי קענען זיי האלטן אז זיי זענען בעסער ווי די אידן?" א פאר טעג שפעטער האט דר. שטיין זיך געטראפן מיט דער הויפט רב פון רומה, וואס האט דערציילט פאר דר. שטיין אז עס זענען דא אין די וואטיקאן אלע כלים פונעם בית המקדש. די כלים זענען אוועקגעטראגן געווארן פון ירושלים קיין רומה כמעט 2000 יאר פריער, און זיי זענען נאך אלס אין די וואטיקאן. די נעקסטע טאג איז דר. שטיין צוריקגעגאנגען צום וואטיקאן כדי אנצוקוקן די כלים. ער האט טאקע געזען דעם ציץ פונעם כהן גדול מיט די ווערטער "קודש לה'"!!!

דר. שטיין האט פארלאזט רומה מיט אסאך ספיקות אין זיין קאפ וועגן זיין דרך החיים. אפשר האט ער געמאכט א טעות און ער האט געדארפט זיין א איד? אבער, ביז דערווייל איז דר. שטיין געבליבן א גוי. א פאר יאר שפעטער איז דר. שטיין געפארן אויף א באזוך קיין ארץ ישראל. דעמאלט האט ער שוין געהאט שטארקע הרהורי תשובה. ווען דר. שטיין איז אנגעקומען צו דעם כותל פאר'ן ערשטן מאל, איז ער געווארן איבערגענומען מיט הרגש און ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען און קיינער האט אים נישט געקענט בארוהיגן. דעם זעלבן טאג איז ער געווארן א בעל תשובה גמור.

מען זעט פון דער מורא'דיגע מעשה דעם ענין פון "אתם עדי נאם ה'" ד"ה די אידן געבן עדות אויף די מציאות פונעם אייבערשטען. ווייל אפילו מען האט נעבעך פארלוירן אסאך אידן דורך די דורות, הי"ד, זעט מען בחוש אז *עם ישראל חי וקים* דורך אלע צרות. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ר' יעקב עמדן זי"ע סידור, אז דאס וואס דער אידישער פאלק האט דורכגעלעבט אלע רדיפות דורך אלע דורות איז די בעסטע עדות פאר דעם מציאות הבורא. אמונה איז דאך דער אנהייב און סוף פון גאנץ אידישקייט. איז לאמיר זיך מחזק זיין אין אמונה פשוטה. און אפילו די מצב אין די וועלט קוקט אויס שווער פאר כלל ישראל, מען זאל זיך נישט זארגן, ווייל דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט אז "ואף גם זאת בהיותם בארץ איביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלתם להפר בריתי אתם כי אני ה' אלקיהם." ד"ה דער אייבערשטער וועט מקיים זיין, זיין ברית מיט כלל ישראל לעולם־ועד. (ויקרא כו,מד)

איינע פון די וועגן ווי אזוי מיר זענען מקיים זיין אונזער ברית מיט'ן אייבערשטען איז דורך היטן שבת ווי עס דארף צו זיין. אזוי ווי עס איז דערמאנט אין די פרשה: "כי אות הוא ביני וביניכם..." שבת איז אן "אות"– א סימן פונעם ברית צווישן כלל ישראל און דער רבונו של עולם. דורך שבת ווייזן מיר אז מיר זענען דער באשעפער'ס באליבטען פאלק וואס ער האט אויסגעקליבן פון אלע פעלקער צו זיין זיין "עם סגולה." **גוט שבת אלע אידן**.